Digitaliseret af / Digitised by

DET KONGELIGE BIBLIOTEK

THE ROYAL LIBRARY

København / Copenhagen

**Title:**
Letter from
Emigdirect
to
Simonsen, David
**Corporate sender:**
(Berlin, Germany)

(Berlin, Germany)

(Berlin, Germany)

(Berlin, Germany)

**Recipient:** Simonsen, David
(Kopenhagen, Denmark)

**Resource type:** text
**Extent:** 3 pp.
**Languages:** yi
1927-03-23
**Id:** dsa_hicem_0469.tif
**Related:**

1927-03-23

**Vereinigtes Komitee für jüdische Auswanderung („Emigdirect")**
(United Jewish Emigration Committee) Berlin W 62, Lützow Platz 1

<u>אינפארמיר-בריוו נר. 42.</u>

<u>יעצטיגע באהאנדלונג פון אידישע עמיגראנטן קיין קאנאדע.</u>

נאכדעם ווי די קאנאדער רעגירונג האט אפגעשאפט די ספעציעלע אזוי-גערופענע „חיאס"-קוואטע פאר אידישע עמיגראנטן, ווערן די לעצטע אריינגעלאזן קיין קאנאדע לויט די אלגעמיינע פארשריפטן פון קאנאדער אימיגראציע-געזעץ פ.ק. 534. דאס דאזיקע געזעץ דערלויבט אריינצוקומען קיין קאנאדע:

1) <u>פרויען און מינדעריעריקע קינדער</u> (אונטער פון 18 יאר), וועלכע פארן צו זייערע מענער און עלטערן. די לעצטע מוזן האבן דעם באווייז, אז זיי זיינען בשעתו אריינגעקומען קיין קאנאדע אויף א געזעצליכן ארטן און אז זיי פארמאגן די נויטיקע מיטלען אויף אויסצוהאלטן זייערע ארויסגעפאדערטע משפחה-מיטגלידער.

2) <u>עלטערן, ניט-פארהייראטע קינדער</u> (עלטער פון 18 יאר) <u>און ניט-פארהייראטע ברידער און שוועסטער</u> קאנען אריינגעלאזט ווערן קיין קאנאדע, אויב זייערע ארויספאדערער קאנען צושטעלן די אויבנדערמאנטע באווייזן - וועגן דער געזעצליכקייט פון זייער אריינקומען אין קאנאדע און זייער פעאיקייט אויסצוהאלטן די ארויסגעפאדערטע קרובים.

די וויזע פאר דער דאזיקער קאטעגאריע עמיגראנטן ווערט ארויסגעגעבן נאר אין פאל ווען זיי קאנען צושטעלן א גילטיקן פאס, וואס איז ארויסגעשטעלט אין לאנד, וועמענס בירגערשאפט זיי באזיצן, נים ~~ספעטער~~ פריער ווי מיט א יאר פאר דעם ארויספארן. די רייזע מוז זיין דירעקט פון לאנד, וו דער פאס איז ארויסגעשטעלט, ביז קאנאדע. די רייזע-קאסטן מוזן באצאלט ווערן אדער אין לאנד פון וועלכן דער עמיגראנט פארט ארויס אדער מצד די קרובים אין קאנאדע.

3) <u>לאנדווירטן און דינסטן</u>. זיי דארפן צושטעלן:

א) א באגלויבטע באשטעטיקונג, אז דער עמיגראנט איז ווירקליך א לאנדווירט און אז ער האט גאנץ בדעה זיך צו באזעצן אין קאנאדע אלס פארמער און ער האט די נויטיקע געלט-מיטלען דערצו.

ב) לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער מוזן האבן א סטאבן ארבעטס-קאנטראקט פון קאנאדע, די אלע באווייזן מוזן צוגעשטעלט ווערן צום אנטשפרעכענדיקן קאנאדער אימיגראציע-אינספעקטאר אין אייראפע אין דעם דעפארטאמענט פאר אימיגראציע און קאלאניזאציע אין אטאווא. די ארבעטס-קאנטראקטן פאר די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער מוזן זיין באשטעטיקט פון די באטרעפנדיקע <u>קאנצעסיאנירטע באן-געזעלשאפטן</u> אין קאנאדע („קאנאדיאן פאסיפיק" און „קאנאדיאן רעילוועי קאמפאני").

ג) רייזנדע מוזן צושטעלן א באווייז פון א געזיכערטער שטעלע אין קאנאדע.

צום באדויערן זיינען אין משך פון די לעצטע חדשים פארגעקומען א ריי פאלן ווען אידישע עמיגראנטן, וואס האבן געוואלט אריינפארן אין קאנאדע, האבן זיך באזארגט מיט קאנטראקטן פון פריוואטע פארמערס אין קאנאדע און זיינען פון די לעצטע באוואוסטזיניק פארפירט געווארן, ווייל די דאזיקע פארמערס האבן ניט געקאנט באקומען אויף זייערע קאנטראקטן קיין באשטעטיקונג פון די דערמאנטע <u>קאנצעסיאנירטע באן-געזעלשאפטן</u>.

אויף אזא אופן האבן פיל עמיגראנטן געטראטן זייער ביסל געלט און האבן געמוזט בלייבן שטעקן אין דער היים, ווייל דער קאנאדער אימיגראציע-אינספעקטאר האט די קאנטראקטן, פארשטייט זיך, ניט אנערקענט.

דער „היאס-עמיגדירעקט" ווארנט דעריבער אלע אידישע עמיגראנטן, וואס ווילן פארן קיין קאנאדע, ניט לאזן זיך פארפירן אויף ניט-לעגאלע הענט, כדי אויסצומיידן אומזיסטע קאסטן, צער און שווערע אנטוישונגען.

דער אימיגראציע-דעפארטאמענט פון דער קאנאדער רעגירונג ווייזט בכלל ארויס די לעצטע צייט א באזונדערע שטרענגקייט צו <u>אידישע עמיגראנטן</u>; בעת אין דער פראקטיק פון דאזיקן דעפארטאמענט האט זיך שוין איינגעשטעלט, אז די ~~[illegible]~~ וויזעס פאר פארמערס קאנען ארויסגעגעבן ווערן פון די קאנסולן אין אייראפע אויף זייער איגענער פאראנטווארטלעכקייט, מוזן זיך די אידישע פארמערס נאך אלץ ווענדן צו דער רעגירונג קיין אטאווא, ד.ה. אדורכגיין א פאמעלעכע קאנטראלע.

דאס פארלענגערן די אפגעלאפענע פערמיטן קומט אויך אן מיט די גרעסטע שוועריקייטן. דער אידישער אימיגראנטן הילפס-פאריין ווענדט זיך דעריבער צום „היאס-עמיגדירעקט" מיט דער דרינגענדער בקשה מיטצוטיילן אלע

אידישע עמיגראנטן, וואס פארן קיין קאנאדע, אז זיי זאלן זיך ווענדן וועגן פאר-לענגערן זייער פערמיט נאר אין דעם פאל, ווען זיי זענען ווירקליך זיכער, אז אין משך פון די נאענטסטע 3 חדשים וועלן זיי האבן די מעגליכקייט אפצופארן.

ניט-פארהייראטע קינדער, ברידער און שוועסטער פון פערזאנען, וואס וווינען אין קאנאדע, אויב זיי פארן קיין קאנאדע ניט דירעקט פון זייער בירגער-לאנד, קאנען באקומען די איינרייזע-דערלויבניש גאר דורך דעם „אידישן אימי-גראנטן הילפס-פאראיין" אין מאנטרעאל.

עס איז בכלל ראטזאם, אז די אלע עמיגראנטן, וואס ווילן ארויסצובא-קומען פערמיטן קיין קאנאדע אדער אנדערע דאקומענטן, זאלן זיך ווענדן צו די אפטיילונגען פון „היאס-עמיגדירעקט" אויף די ערטער, וועלכע וועלן זיך שטעלן אין פארבינדונג מיט די אנטספרעכנדיקע אינסטיטוציעס,אין קאנאדע.

„היאס-עמיגדירעקט"
פאראייניקטער קאמיטעט פאר אידישער עמיגראציע

בערלין, 28.מערץ 1927.

For oplysninger om ophavsret og brugerrettigheder, se venligst www.kb.dk

For information on copyright and user rights, please consult www.kb.dk